31.635
Ф IV / В-529

31.635
Ф IV/B-52



איוואן פראנקאָ

# לידער
# און
# דערציילונגען

אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג

איוואנ פראנקאָ

[Lider und erceilungen]

# לידער און דערציילונגענ

מעלוכעפארלאג
פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטנ אינ אוסר
קיעוו — 1939

Львівська Філія
Бібліотеки АН-УРСР



רעדאקטאָר — ג. זשיץ.
טעכנישער רעדאקטאָר — ג. פריצקער.
קאָרעקטאָר — ש. מײדמאנ.

פּאַפּיר 108 × 82 — 1/32 40 קג. 3/4 1 דרוק־בויגנ.
1,34 דיסקאָנט־אויטאָר־בויגנ. טיראַזש 150 + 2850
עקזעמפּלארנ. 9־טע פּאָליגראַפישע פאַבריק.
קיעוו, רויטער פּלאַץ 2a. באַשטעלונג נומ. 2110.
פאַרלאג־נומ. 361. באַפולמ. פונ הויפּטליט נומ. 5394.
אָפּגעגעבנ אינ זאַצ 1939 — 14/X, אונטערגעשריבנ
צומ דרוק 1939 13/XI.

Львівська Філія
Бібліотеки АН-УРСР
4534

ЛЬВІВСЬКА БІБЛІОТЕКА
АН УРСР
№ 31 635

Ф IV / B-529
1939

# שטיינברעכער

איך האָב געזען א שיינעם כאָלעם. א פּוסטער פּלאַץ
זיך שפּרייט פאַר מיר. ס'איז אומגעהייער ווילד זײַן אויסזען.
א הויכער פעלדז דאָרט שטײַגט פון וויסטן דרויסן.
איך שטיי געשמידט אין קייטן פאַר דעם פעלדז דעם גרויסן —
ווי איך, דאָרט שטייען מענטשן טויזנטער אסאַך.

מיט טרויער־קנייטשן שטערנס טיף פאַרצויגן,
א גלי פון ליבע ברענט בא יעדערן אין בליק.
די הענט האָבן קייטן ענג, ווי שלענג, ארומגעצויגן,
בא יעדערן די אַקסלען נידעריק געבויגן,
ווײַל אַלעמען א גרויסע שווערע מאַסע דריקט.

אין יעדער האַנט אַן אײַזערנער, א שווערער האַמער,
און ווי א דונער פון דער הייך, א קאָל זיך טראָגט:
„איר שטורעמט דעם פעלדז, צעברעכט די ווילדע צאַמען,
ניט שרעקט זיך פאַר קיין מי, פאַר אַלע שלעק צוזאַמען —
ס'איז אײַך באַשערט דעם פעסטן פעלדז צעשטערן: שלאָגט!”

ווי איינער, אַלע האָבן מיר די הענט געהויבן,
און טויזנט האַמערס שווערע פאַלן אָפּ דעם שטיין.
פון טויזנט זײַטן מוז דער פעלדז זיך דרויבן
אין שטיקער אָן א צאָל, אין ברעקלעך און אין שטויבן
געשווינד צעפאַלט זיך זײַן פאַראַקשנטער געביין.

Львівська Філія
Бібліотеки АН-УРСР

ניט קלאָלעס האָבן פון דער זאַך אונדז ניט באַזײַטיקט,
ס'האָט קײנער ניט ארויסגעלאָזט דעם האמער פון די הענט.

און אָט אזוי מיר גײען — אײן געשמידטע מענגע,
האמערס אין די הענט, מיט אײן געדאנק אין בליק.
מע האָט פארשאָלטן אונדז, מע װיל אונדז ניט געדענקען,
מיר ברעכן דאָך דעם פעלדז, א װעג דעם עמעס שענקען,
אף ביינער אונדזערע װעט קומען ערשט דאָס גליק.

ווי הילך פון שלאַכט און ווי פון וואַסערפאַל דאָס שלאָגן,
האָבן האַמערס אונדזערע געדונערט איינס נאָך איינס,
און טראָט נאָך טראָט מיר האָבן אָרט געקראָגן,
כאָטש פיל פון אונדז האָבן שטיינער שווער צעשלאָגן
און ווײַטער אַלץ געגאַנען און ניט געבליבן שטיין...

און יעדער האָט געוווּסט, אַז ס׳וואַרט אַף אים קיין רום ניט,
און ניט קיין אָנדענק צווישן מענטשן פאַר זײַן שווערער מי,
אַז דענסטמאָל אַף דעם וועג וועלן מענטשן קומען,
ווען מיר וועלן שאַפן אים און אויסגלײַכן אַרומעט,
און ביינער אונדזערע וועלן פוילן אונטער אים.

קיין רום קיין מענטשלעכן מיר האָבן ניט געוואָלט גאָר,
ווײַל ניט קיין העלדן זײַנען מיר און גאָרניט גרויס.
אָ, ניין, זיך פרײַוויליק פאַר קנעכט געמאָלדן,
אַף זיך גענומען קייטן, פון פרײַהייט קנעכט געוואָרן,
אַפן וועג פון פאָרשריט שטיינברעכער מיר זײַנען בלויז.

און אַלע, אַלע גלייבן מיר, ווי איינער:
מיר וועלן אים צעשמעטערן, דעם שרעקנדיקן פעלדז.
מיט בלוט מיט אייגענעם, מיט לעכצנדיקע ביינער,
אַ נײַעם פּאַלאַץ בויען מיר פון נײַע שטיינער —
דאָס נײַע לעבן גייט — סע קומט אַ נײַע וועלט!

מיר האָבן דאָס געוווּסט, אַז ערגעץ אַף דער וועלט דאָרט,
וואָס מיר האָבן פאַרוואָרפן צוליב מי און לײַד,
דאָרט מוטערס, קינדער, פרויען וויינען הייס און וועלקן,
אַז פײַנט און פרײַנט דאָרט בייז זיך צאָרענען און שעלטן
אי אונדז, אי אונדזער פרווו, אי אונדער שטרײַט.

מיר האָבן דאָס געוווּסט — די זעל האָט טיף געוויייטיקט,
דאָס האַרץ האָט זיך געריסן, און טרויער האָט געקלעמט,
נאָר ניט טרערן, ניט דער טרויער, ניט דער ווייטעק,

# א גוטער פאַרדינסט

איך בין א מענטש אן אָרעמער. קיין ברעקעלע פעלד האָב איך ניט. נאָר א כאַטע, אי דאָס אן אַלטע. און דאָ האָסטו דיר א וויַיב, צוויי קינדער, געזונט זאָלן זיי זיַין. מע דאַרף פון עפּעס לעבן, מע דאַרף ווי ס'ניט איז אַף דער וועלט זיך האַלטן. צוויי יינגעלעך בא מיר — איינעם איז פאַרצן, דעם צווייטן צוועלף יאָר — זיי פּאַסטוכעווען בא גוטע לייַט, און פאַר דעם האָבן זיי קעסט און אָוועלכן ס'ניט איז אָנטון. דאָס וויַיב שפּינט, פאַרדינט זיך אויך עפּעס. און איך, דער אַלטער, וואָס פאַר א פאַרדינסט קאָן איך האָבן? כ'גיי וועננ־ניט־וועגן צום נאָענטן סרוב *, שנייַד אָן בערעזענע ריטער, און פאַר דער וואָך מאַך איך מיר בעזעמער. עס קומט מאָנטיק, נעמען מיר מיט דעם וויַיב די קלומקעס אַף די פּלייצעס און גייען אַפן מאַרק אין דראָגאָביטש. קיין גרויסן פאַרדינסט קאָן מען פון דעם ניט האָבן — דריַי פיר קרייצער פאַר א בעזעם, און דעם פּאָרעץ דאַרף מען נאָך באַצאָלן פאַר די ריטער. אַזוי אַז עס בלייַבט וויינִיק. אָבער, וואָס וועסטו טון, מע דאַרף פאַרדינען, מע דאַרף דאָך עפּעס באַשטיין דאָס אייגענע וועלטל.

און וואָס פאַר א לעבן איז בא אונדז! בולבע און באָרשטש, אַמאָל אָוועלכע ס'ניט איז גרויפּן און א ברויטל, אָוועלכס ס'וועט זיך טרעפן: א קאָרנס איז א קאָרנס, און אויב פון גערשטן אָדער פון האָבער, איז אַדאַנק אויך דערפאַר. זומער־צייַט איז נאָך ווי צו דערלייַדן, אן אָרעמער מענטש פאַרדינט נאָך עפּעס בא א רייַכערן, דאָ א רוי בינען אין פּאַסיקע צוהיטן, דאָ היטן באַנאַכט א סאָד, לעבן היי און לעבן סנאָפּעס אַביסל אן אַרבעט טון, אַניט גייסטו מיט א סאַק צום טייַך, כאַפּסט

* אן אָרט ווו מע האָט דעם וואַלד אויסגעהאַקט.

אומעטום די שטים פון גײַסט:
אין פּויערישע שטיבער
און אין וואַרשטאַטן, אין גריבער,
אין ערטער פון דער נויט.
ווו זײַנע שטים טוט זיך הערן,
פאַרשווינדן ווערן די טרערן,
און עס ווערט אַ קראַפט געבוירן.

ניט וויינען — ברעכן מויערן.
זאָל זײַן פאַר די קינדער,
אויב ניט פאַר זיך אַליין,
אויסקעמפן גליק מיט אייגנע געביין.

— ווי טײַער פארקויפט איר די בעזעמער? — פרעגט ער בא מיר.

— צו פינף קרייצערס, פּאָרעצל, — זאָג איך אים. — קויפט, גוטע בעזעמער.

ער האָט גענומען איינעם, א פרוּוו געטאָן.

— אזוי, אזוי, — זאָגט ער, — ניטאָ וואָס צו זאָגן, גוטע בעזעמער. און פונוואַנען זײַנט איר?

— פון מאָנאסטירעץ.

— אזוי, אזוי, פון מאָנאסטירעץ. און בעזעמער פארקויפט איר אָפט?

— ניין, ניט אָפט. איין מאָל אין וואָכ. מאָנטיק.

— אהא, אהא, יעדער מאָנטיק! און אסאך פארקויפט איר אין איין טאָג?

— אָ, ווי סע טרעפט זיך, פּאָרעצל. עס טרעפט, אז מיר מיט דעם ווײַב פארקויפן, וואָס מיר טראָגן ארויס, און עס טרעפט, אז מיר פארקויפן ניט אלע.

— המ... זײַנט איר מיט דער ווײַב בײדע, הייסט עס, טראָגט איר ארויס צו אזא פעקל בעזעמער?

— יאָ, יאָ, פּראָשו פּאנא. אמאָל אזעלכע, אמאָל גרעסערע.

— אהא, אהא! און אסאך בעזעמער קאָנט איר אזוי פאר א וואָך מאכן?

— דאָס איז, פּראָשו פּאנא, ווי סע פּאָדערט זיך. זומער פארקויפט זיך ווייניקער, ארבעט איך אויס ווייניקער. און אין הארבסט און ווינטער גייט אזא סכוירע בעסער.

— אזוי, אזוי פארשטענדלעך! איר זעט, איך בין א פּאָדראטשיק צו די מעלוכישע מאגאזינען. אזוי אז איך דארף אזעלכע בעזעמער אסאך, אזוי א הונדערט שטיק. וואָלט איר געקאָנט אין א וואָך ארום מיר מאכן הונדערט בעזעמער?

איך האָב א טראכט געטאָן און זאָג:

— פארוואָס ניט, כ׳וועל מאכן. ווו זאָל איך עס אײַך צושטעלן?

— אָט דאָ, — זאָגט ער און ער האָט מיר אָנגעוויזן אפּ א הויז. — אָבער געדענקט, איר זאָלט ברענגען, איך וועל אײַך אפּן אָרט גלײַך באצאָלן. יאָ, ווי טײַער, זאָגט איר, איז איינער?

— נו, אז איר נעמט אזויפיל אין הורט, וועל איך אײַך אראָפּלאָזן פאר פיר.

עפּעס א פישל, אָדער ביז פארטאָג וועסטו פון וואלד שווענדלעך ברענגען. נו, און ווינטער איז דאָס אלץ ניטאָ, וואָס מיר קריגן בא מענטשן פאר דער ארבעט, דערמיט באגייען מיר זיך, און ניט איין מאָל פוכ־נען מיר פון הונגער. אָט ווי עס לעבן אָרעמע כאלופניקעס!

אָט זעט איר, האָט זיך אָבער נאָך געפונען א גוטער מענטש, וואָס פארגינט ניט אויך אונדזער פארמעגן, ד.ה. צופיל גוטס איז בא דיר, אלטער, וועסט נאָך פעט ווערן, וועסט זיך צעהוליען, איז אָט האָסטו דיר! און האָט ארײַנגעשאָטן אזעלכס, אז איין גאָט ווייסט וואָס וועט זײַן.

הערט נאָר, וואָס עס איז געווען.

גיי איך זיך איינמאָל דורך דער שטאָט, און אף דער פלייצע טראָג איך מיר א פעקל בעזעמער אף א שטעקן, איך גיי זיך אזוי און קוק זיך אום ארום־און־ארום, צי ווינקט ניט עמעצער צו מיר, אָדער צי רופט מען מיך ניט: „טשאָלאָוויטשע, טשאָלאָוויטשע, ווי טײַער זײַנען די בעזעמער?” און דאָ ארום איז א מענגע מענטשן, ווי שטענדיק אין א האנדל־טאָג. קוק איך זיך אום און זע: עס גייט נאָך מיר עפּעס א פּאָרעצל, א האָרבאטער מיט א גרויסער קאָפּ, ווי א סאָווע. די אויגן זײַנען בא אים גרויע און שלעכטע, ווי בא א זשאבע. גייט ער זיך אזוי און קוקט אלץ אף מיר. איך שטעל זיך אָפּ, כ'טראכט: עפּשער דארף ער עפּעס. און ער ווי גאָרניט, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און קוקט אין אן אנדער זײַט, ווי ער האָט צו מיר גאָרניט. גיי איך ווײַטער. ער נאָך מיר. איך האָב זיך עפּעס ניט גוט דערפילט — וואָס פאר א שווארציאָר! — טראכט איך זיך. — וואָס הייסט עס? און דאָ שרײַט צו מיר א פרוי פון דער זײַט:

— טשאָלאָוויטשע, טשאָלאָוויטשע, ווי טײַער זײַנען די בעזעמער?

— צו פינף, — זאָג איך.

— וואָס הייסט צו פינף? נאט אײַך דרײַ.

— גיב פיר!

— ניין, דרײַ.

— ניין, פיר.

מיר האָבן זיך אויסגעדונגען אף דרײַ מיט א האלבן קרייצער. נעם איך מיר אראָפּ דאָס פעקל פון דער פלייצע, צעבינד עס פּאַוואָליע, גיב דער פרוי אָפּ דעם בעזעם, אז דאָ גייט צו דאָס האָרבאטע פּאָרעצל.

שטעקנס אינ די הענט, די פעקלעכ אפ זיכ אונ אוועק אינ שטאָט. ס'איז אזא היצ, אזא ספעקע, גאָט זאָל אָפּהיטנ. דער שווייס רינט פונ אונדז ריטשקעסוויַיז, אינ האלדז איז טרוקנ. נאָר וואָס וועסטו טונ — א פארדינסט, איז א פארדינסט.

קומענ מיר אינ שטאָט, האָבנ אלע אפ אונדז די אויגנ אויסגעסטאָר־טשעט. מע האָט קיינמאָל ניט געזענ, מע זאָל אזעלכע גרויסע פעקלעכ טראָגנ.

— הערט נאָר, טשאָלאָוויטשע, — מאכט מענ פונ אונדז כויזעק, — ווו האָט איר די פערד פארקויפט, וואָס איר רוקט אליינ א פור ריטער?

— טשאָלאָוויטשע, טשאָלאָוויטשע, — שריַיענ אנדערע, — בא וועמענ האָט איר עס א בערעזענע וועלדל געקויפט? צי האָט איר דאָס בע־רעזענע וועלדל געבראכט מיט דער באבע אינ שטאָט פארקויפנ? וואָס ווילט איר פאר דעמ בערעזענעמ וועלדל?

אונ מיר גאָרניט. קאמ וואָס מיר כאפנ דעמ אָטעמ. אונ גייענ גייענ מיר, אזש די אויגנ קריכנ פונ קאָפּ ארויס. אדאנק גאָט, קאמ דער־קראָכנ צומ הויז, ווו דער פּאָרעצ האָט געהייסנ ווארטנ. צוגעגאנ צומ גאנעק אונ א וואָרפ די פעקלעכ אפ דר'ערד. אונ אליינ אפ די פעקלעכ, קאמ לעבעדיק, אנידערגעפאלנ. אונ סאפּענ אזוי, אזש די צינגער פונ די מיַילער ארויסגעשטעקט. ניטאָ, ניטאָ. פּלוצעמ האָט א פענצטער א סקריפּע געטאָנ, אונדזער פּאָרעצ קוקט ארויס.

— אהא, — זאָגט ער, — דאָס זיַינט איר, טשאָלאָוויטשקו?

— אזוי, פּראָשו פּאנא. דאָס בינ איכ מיט די בעזעמער.

— גוט, גוט, כוועל באלד צו איַיכ ארויסגייַנ.

ער האָט פארשלאָסנ דעמ פענצטער, מיר ווארטנ. נאָכ א היפּשער מינוט איז ער ארויסגעגאנ.

— נו, וואָס, האָט איר געבראכט די בעזעמער?

— יאָ, פּראָשו פּאנא. הונדערט, ווי איר האָט געזאָגט.

— אהא! איז גוט. אָדער איכ דארפ זיי איצט ניט. נעמט זיי, לאָזנ זיי בא איַיכ זיַינ א ציַיט, אָדער איר קאָנט זיי פארקויפנ. אונ אז איכ וועל זיי דארפנ, וועל איכ איַיכ איבערגעבנ, אונ איצט נאָט איַיכ דאָס קוויטל, וועט איר עס באוויַיזנ דעמ וויט. ער וועט איַיכ שוינ זאָגנ וואָס צו טונ.

— ניין, ניין, ניין. מע דארף ניט, לאָזט ניט אראָפּ! איך וועל אײַך צו פינף באצאָלן.

— זאָל אײַך גאָט געזונט געבן, פאנע.

— נו, זײַט מיר געזונט, אָבער געדענקט. איבער א וואָך פון היינ־טיקן טאָג זאָלט איר קומען. — און מיט די ווערטער האָט זיך דאָס פּאָרעצל ערגעץ אוועקגערוקט, און איך בין געבליבן. אָט, טראכט איך זיך, עפּעס א גוט פּאָרעצל, ער זאָגט אפילע ניט, מע זאָל אראָפּלאָזן א פּרײַז, און אף אזא סומע באשטעלט ער בעזעמער. ס'וועט דאָך אף א גאנץ פינפערל זײַן. גאָטעניו! און איך האָב שוין אף אים א שלעכט אויג געהאט, ווען ער האָט אזוי נאָך מיר געשפּירט. נו, שענק אים, גאָטעניו, לאנגע יאָרן. דאָך האָט זיך מיר איינמאָל א גוטער פארדינסט געטראָפן.

געשווינד האָב איך זיך א לאָז געטאָן נאָך מײַן אלטער, שוין ניט געקוקט, פארקויפט צי ניט פארקויפט אונדזער סכוירע — געקויפט זאלץ, שוועבעלעך און וואָס מיר האָבן נאָר באדארפט, און געלאָזט זיך אהיים. זאָג איך צו דער אלטער: אזוי און אזוי, ס'האָט זיך א גוטער פאר־דינסט געטראָפן, ס'וועט זײַן מיט וואָס דעם צינזש באצאָלן, און פאר דיר וועט אף ווינטער אונטערגעניי זײַן. זי האָט זיך אויך געפרייט.

— מע וועט דארפן, — זאָגט זי, — זיך נעמען אײַנײַנעם. אניט וועסטו אליין די גאנצע ארבעט פאר א וואָך ניט מאכן. איך וועל מײַן ארבעט דערווײַל אָפּלייגן.

גוט. אזוי פלאפלענדיק, האָבן מיר זיך געײַלט, קימאט געלאָפן אהיים, קעדיי, זעט איר, קיין צײַט ניט פאטערן.

באלד, דעם זעלבן טאָג טאקע, האָבן מיר זיך צוגעכאפּט ביידע, אזיווי צו א הייסן באָרשטש. ריטער אָנגעטראָגן א גאנצע סטירטע — א פאבריק אין כאטע! איך ברעך ארום די צווײַגלעך, זי רײַסט ארום די בלעטער, די הויט איז איר אזש פון די דאָלאָניעס אראָפּ. און איך שנײַד אזוי ארום די גרעבערע עקן, לייג צונויף. שנײַד ארום די הענט־לעך — די ארבעט זידט. עס איז געקומען זונטיק, און הונדערט בעזע־מער זײַנען גרייט און אין פעקלעך צו פינף און צוואנציק צונויפגע־בונדן און אזוי צוגעפּאסט, אז יעדער פון אונדז נעמט צוויי פעקלעך אריבערגעהאנגען, איינס פון פאָרנט און איינס פון הינטן, און דעם ישטריק אף דעם אקסל. ס'איז געקומען מאָנטיק, נעמען מיר גוטע

ЛЬВІВСЬКА БІБЛІОТЕКА
АН УРСР
№ 31 635

דאָכ ניט פאר מיר, נאָר פאר דיר! דארפסט צאָלנ אכוץ די הויז־שטײַערנ אויכ א האכנאָסע־שטײַער. 15 רינסקע א יאָר.

— פופצנ רינסקע א יאָר? גאָטעניו! בא, און פארוואָס?

— פאר די בעזעמער! דו הערסט דאָכ, אז דער פאנ, דער שטײַער־קאָמיסאר האָט אפ דיר אײַנגעגעבנ, א פאפירל און זאָגט, אז דו פארקויפסט צו הונדערט בעזעמער א וואָכ.

איכ בינ געבליבנ שטײנ, ווי יענער, מע זאָגט, הײליקער סעמענ דער סטויפנער, וואָס איז פופציק יאָר אפ אײנ אָרט געשטאנענ, ווי א סטויפ. אזויווי כ'וואָלט זיכ מיט טשעמעריצע אָנגעגעסנ.

— פאנע וויט! — זאָג איכ אינ א צײַט ארום. — איכ וועל ניט צאָלנ.

— דו מוזט!

— נײנ, כ'וועל טאקע ניט צאָלנ. וואָס וועט איר מיר טונ? וואָס קאָנ א נאקעטער באהאלטנ אינ פאזוכע? איר ווײסט דאָכ, אז פאר די בעזעמער וועל איכ פאר א גאנצ יאָר קאם פופצנ רינסקע אָפלײזנ.

— וואָס קאָנ איכ וויסנ? דער פאנ קאָמיסאר דארפ דאָכ בעסער וויסנ! — זאָגט דער וויט. — מײַנ זאכ איז צונויפנעמענ דעם שטײַער, אז דו ווילסט ניט געבנ, וועל איכ דעם עקזעקוטניק* ארויסשיקנ.

— אָוווא! שיקט אפילע באלד, דער עקזעקוטניק וועט בא מיר פײַגערנ, ביז ער וועט עפעס געפינענ.

— נו, וועלנ מיר פארקויפנ די כאטע און די בײַטנ, און אײַכ — אפ אלע פיר זײַטנ. דאָס מעלוכישע טאָר ניט פארפאלנ ווערנ!

איכ האָב א קרעכצ געטאָנ, ווי אונטערגעשניטנ.

— אָ, זעסט, — זאָגט דער וויט, — נו, וואָס, וועסטו צאָלנ?

— כ'וועל צאָלנ, — זאָג איכ. — און אלײנ טראכט איכ זיכ עפעס מײַנס.

דרײַ יאָר זײַנענ אוועק. איכ האָב ניט געצאָלט אפילע קײנ קרײַצער, ווענ עס פלעג קומענ די עקזעקוציע, האָב איכ זיכ מיט מײַנ ווײַב באהאלטנ אינ די אָטשערעטנ, ווי פונ די טאָטערנ, און די כאטע פארשלאָסנ. פלעגנ די עקזעקוטניקעס קומענ, קלאָפנ אינ טיר, שרײַענ, רופנ און זיכ אָפשארנ ווײַטער. צוויי מאָל האָבנ זיי געוואָלט זיכ אינ

* עקזעקוטניק — דער, וואָס קלײַבט צונויפ די שטײַערנ.

— באַ, באַ, וואָס איז דאָס? פריִער האָט איר באַשטעלט און איצט נעמט איר ניט?

— ניין, איך נעם ניט, — זאָגט ער זיך אַזוי איידל, — דערפאַר וואָס איך דאַרף זיי איצט ניט. אָדער איר האָט קיין מוירע ניט, איך וועל אײַך ניט פאַרגעסן. אָט האָט איר דאָס קוויטל נעמט!

— אַף וואָס דאַרף איך אײַער קוויטל? וואָס וועל איך מיט אים מאַכן?

— נעמט, נעמט, — זאָגט ער, — אַניט טוט אײַך, ווי איר ווילט, און איצט גייט זיך געזונטערהייט.

איך האָב זיך שוין, דעם עמעס זאָגנדיק, געוואָלט צו אים אַנטקעגנשטעלן, אָבער ער האָט זיך אויסגעקערעוועט און אַפגיך אַרײַן אין הויז. מיר זײַנען געבליבן, ווי מיט וואַסער אָפּגעגאָסן. אָבער וואָס ווּעסטו ווײַטער טון? גענומען די בעזעמער און אַוועק אין מאַרק, קעדיי כאָטש עפּעס פאַרקויפן.

אַזש אָט, אַזוי אין אַ וואָך אַרום רופט מיך דער וויט. — וואָס פאַר אַ צאָרע? — טראַכט איך מיר און קום צו. און דער וויט לאַכט זיך אַזוי און זאָגט:

— נו, אַלטער פּאַנקע (אַלע רופן מיך אַלטער, כאָטש כ׳בין נאָך ניט אַזוי אַלט) האָסט אַ מײַליץ.

— וואָס פאַר אַ מײַליץ? — זאָג איך און וווּנדער זיך.

— אָט אַוועלכן, קוק! — און נעמט אַרויס אַ פּאַפּירל, דאָס זעלבע, וואָס יענער פּאָרעץ האָט מיר אַנומלטן געגעבן, צעוויקלט עס און האָט אָנגעהויבן לייענען עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב קיין קאַפּעלע ניט פאַרשטאַנען, אַכוץ מײַן אייגענעם נאָמען.

— באַ, וואָס אַזוינס איז דאָרט געזאָגט? — פרעג איך.

— ס׳איז געזאָגט, אַלטער, אַז דו ביסט אַ גרויסער נאָגיד, צוהונדערט בעזעמער פאַרקויפסטו יעדער וואָך, געלט שאַרסטו מיט לאָפּעטעס, און מע הייסט דיר אָט די פּיאַווקע צושטעלן.

— וואָס פאַר אַ פּיאַווקע? — פרעג איך און גלייב מײַנע אייגענע אויערן ניט.

— אַ בייגעלע, פרײַנטל.

— אַ בייגעלע? באַ, וואָס פאַר אַ בייגעלע? פאַר וועמען?

— היי, אַלטער, מאַך זיך ניט טויב, אויב עס טויג דיר ניט. ס׳איז

# דער מוליער

אכ, דאָס קלאפנ, דער הארמידער, די געשרייענ אפנ גאס פּונקט אנטקעגנ מײַנ פענצטער יאָגנ ארויס יעדער געדאנק פונ מײַנ קאָפּ. זיי גיבּנ מיר קיינ רו ניט אפ קיינ מינוט. זיי רײַסנ מיכ אָפּ פונ דער ארבעט! אונ אינערגעצ קאָנ איכ זיכ ניט אהינטונ, אינערגעצ זיכ ניט באהאלטנ פונ דעמ ניט אופהערנדיקנ קלאפנ: פונ אינדערפרי ביז אפדערנאכט הערט עס ניט אופ, אונ אז איכ לייג זיכ שלאָפנ, אויסגעמוטשעט פונ דער באטאָגעדיקער היצ, הער איכ עס אפילע אינ שלאָפ. אונ דאָס ציט זיכ שוינ צוויי כאדאָשימ אזוי. טוט נאָר א טראכט! פונ זינט מע האָט אנטקעגנ מײַנ פענצטער אָנגעהויבּנ בּויענ אָט דעמ אומגליקלעכנ מויער, פונ יענער צײַט האָבּ איכ קיינ שורע ניט אָנגעשריבּנ אונ דאָס קלאפנ, דער הארמידער האָט ניט אופגעהערט אָפּהילכנ בּא מיר אינ די אויערנ.

ניט קענענדיק אליינ ארבּעטנ, זיצ איכ מיר גאנצענע טעג בּאמ פענצטער אונ קוק, ווי עס ארבּעטנ אנדערע. די באוועגונגענ, דאָס לויפנ, די ארבּעט, וואָס עטלעכע צענדליק מענטשנ טוענ, דרייענדיק זיכ אונ נישטערנדיק אינ יענעמ ענגנ אָרט, ווי מורעשקעס אינ זייער הויפנ, צעיאָגנ מײַנ צערייצטקײַט. איכ בּארויִק זיכ, קוקנדיק, ווי בּיסלעכווײַז, אונטער די הענט פונ דער מאסע ארבּעטער וואקסט דער גרויסער מויער, ווי עס רוקנ זיכ ארופּ זײַנע ווענט, ווי עס שיפּעט אונ עס רויכערט זיכ דער קאלכ, וואָס מע לעשט אימ אינ גרויסע הילצערנע קאסטנס אונ פונ דאָרטנ לאָזט מענ אימ אראָפּ אינ די גריבּער; ווי די מוליערס טעסענ ציגל, צופּאסנדיק זיי צומ געהעריקנ אָרט; ווי פרויענ אונ מיידלעכ טראָגנ צעמענט אינ צעבּריקעס מיט דורכגערוקטע

כאטע מיט גוואלד דערשלאָגנ, נאָר גוטע לײַט האָבנ זיי אָפּגעבעטנ. אָבער אפנ פערטנ יאָר האָט עס ניט אויסגעהאלטנ. קיינ באקאָשעס, קיינ געווינענ האָבנ ניט געהאָלפנ, די רעשטאנציע * האָט זיכ אפ מיר אָנגעקליבנ בא זעכציק רינסקע. פונ שטאָט האָט מענ אָנגעזאָגט, איכ זאָל באלד ארויסלייגנ די געלט, אונ אויב ניט — איז די כאטע אפנ אאוקציאָנ. איכ בינ שוינ אינערגעצ ניט אנטלאָפנ. איכ זע, ס׳וועט גאָרניט העלפנ. נו איז וואָס? מע האָט באשטימט אנ אאוקציאָנ. מע האָט איבערגעשריבנ דאָס גאנצע גוטס אפ זעכציק רינסקע. עס איז געקומענ יענער טאָג, מע טאראבאנעט, מע רופט סאָכרימ... „ווער גיט מער?" עהע, קיינער וויל אפילע אזויפיל ניט געבנ. צענ... צוועלפ... קאמ צו פופצנ רינסקע דערצויגנ אונ פאר די פופצנ פארקויפט. אונ איכ זאָג אזוי אפ געלעכטער צומ וויט:

— אהא, איר זעט, איכ האָב אײַכ טאקע אָפּגענארט! איכ האָב דענ אײַכ ניט געזאָגט, אז פונ א נאקעטנ קאָנ מענ גאָרניט נעמענ?

— זאָל דיכ, אלטער, דער רועכ נעמענ. פאר וואָס פאר א מיטל דו האָסט זיכ גענומענ!

אונדזער כאטע האָט געקויפט יוינע אפ א שטאל פאר קעלבלעכ, אונ מיר מיט דער באבע זײַנענ אוועק אינ שכיינעס. מיר לעבנ ווײַטער, ווי פריִער, ביז גאָט וועט דאָס לעבנ שענקענ. זי שפינט, די יִינגלעכ פאשענ פרעמדע פי, אונ איכ מאכ בעזעמער. אונ אָט אזוי שטורכענ מיר אָפּ אונדזער וועלט, כאָטש אָנ דעמ שטײַער-בייגעלע.

---

* רעשטאנציע — אנ אלטער שטײַער אונ די פענ אפ אימ.

צו איינעם אַן אַרבעטער, אַ פאַרזאָרגטן הויכן מוליער, פון מיטעלע יאָרן, און האָט אָנגעהויבן זידלען אים מיט די לעצטע ווערטער. און יע־נער — גאָרניט. ער האָט זיך אײַנגעבויגן און טוט ווײַטער זײַן אַרבעט. אָבער דאָס פאַרזאָרגטע, דאָס אײַנגעשפאַרטע שווײַגן האָט נאָך מער צערײַצט דעם געהילף.

— דו, מערדער, גאַנעוו, קרימינאַלניק, זאָלסט זיך באַלד אוועקנע־מען פונדאַנען! — האָט געשריגן דער פאַרפינעטער געהילף, דערנעענ־טערנדיק זיך צום אַרבעטער.

איך האָב געזען, ווי דאָס פּנים פון דעם מוליער, וואָס איז אָנ־געבויגן געווען איבער די ציגל, איז אַלץ רויטער געוואָרן, ווי מיט פלאַם זיך אָנגעגאָסן. ער האָט פאַרקלעמט די ציין און האָט געשוויגן.

— איך דאַרף צו דיר הונדערט מאָל ריידן, דו האָלאָדראַנעץ, גאַזלען, האַ? מאַרש פונדאַנען! פאַרנעם זיך באַלד! אַניט וועל איך הייסן דיך אַראָפּוואַרפן!

דער אַרבעטער האָט, ווײַזט אויס, געקעמפט מיט זיך אַליין. דאָס פּנים בײַ אים איז אַזש בלאָ געוואָרן. צום סאָף האָט ער, ניט אויסגלײַכנדיק זיך, קאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פאַמעלעך מיט שטאָלצקייט, וואָס איז שווער איבערצוגעבן, אויסגערעדט:

— אַ כלאָפּ בלײַבט אַ כלאָפּ! אַ מודיע בלײַבט אַ מודיע!

דער געהילף איז בײַ די ווערטער, ווי פאַרכאַלעשט געוואָרן. ווײַזט אויס, דעם מוליערס ווערטער האָבן אים געטראָפן אין דעם ווייטעק־דיקסטן אָרט: ער איז געווען פון דעם פּאָשעטסטן גראַד. און ווען ער איז געוואָרן „פאַן געהילף־מײַסטער", האָט ער זיך זייער געשעמט מיט זײַן אָפּשטאַמונג. אין אַ מינוט אַרום האָט ער אויפגעריסן מיט דער גאַנצער קראַפט פון דאַמפ.

— אַזוי? דאָס איז צו מיר רעדסטו אַזוי? וואַרט־זשע, איך וועל דיר באַווײַזן! איך וועל דיך אָנלערנען. מאַרש!

דער אַרבעטער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און האָט זיך זײַנס געטאָן.

— פאַרנעם זיך פונדאַנען, דו באַנדיט דו איינער. גיי צו אַלדע שוואַרצע יאָר, אַניט וועל איך הייסן רופן אַ פּאָליציאַנט!

דער אַרבעטער האָט אײַנגעשפּאַרט געקלאַפּט די ציגל מיטן האַמער. דעמאָלט איז דער געהילף צו געשפּרונגען צו אים, אַרויסגעכאַפּט בײַ אים

דרענגלעך אין די אויערן; ווי די געהילפן, אינצווייען צונויפגעבויגן, טראָגן ארופ ציגל אפ הילצערנע טראָג־ברעטלעך, וואָס ליגן, ווי א יאָך אפביידע אקסלען. אָט די גאנצע שווערע טאָגטעגלעכע ארבעט פונ די מענטשן טראָגט זיך דורכ פאר מיר, ווי א כמארע, און הערנדיק זייערע געשרייען, שפּאסן און ריידערײַען, פארגעס איך וועגן זיך, גלײַך ווי כ׳וואָלט זיך טרענקען אינ עפּעס אן אומבּרעגיקן, ניט דורכ־זיכטיקן נעפּל, און געשווינד, אומבאמערקט שוועבט א שאָ נאָך א שאָ און א טאָג נאָך א טאָג.

נאָר די געהילפ־מײַסטערס מיט זייער געשריי, מיט זייערע זידלע־רײַען, דראָונגען און קלאָלעס, מיט זייער ווילקיר איבער די ארבעטער רײַסן מיך ארויס פונ דעם ניטדורכזיכטיקן נעפּל, דערמאָנען מיר די לעבעדיקע מיִעסע ווירקלעכקײַט. זיי זײַנען סאכאקל צווייען, נאָר או־מעטום איז פול מיט זיי. אלע ארבעטער ווערן אנשוויגן און בייגן זיך אײַן, ווען איינער פונ זיי גייט דורכ. מיט גאָרניט קאָן מען פאר זיי ניט יויצע זײַן, זיי געפעלט גאָרניט. אפ אלץ איז בא זיי דאָ א גרייט זידלערײַ, אפ אלץ איז בא זיי גרייט א בייז גײַוועדיק וואָרט. און לאָז עפּעס אן ארבעטער זיך נאָר פּרווון אָפּענטפערן אָדער זיך פארטיידיקן, אָדער זיך אײַנשטעלן פאר א כאווער — באלד גיסט זיך אָן מיט בלוט דאָס פּאָנעם פונ דעם געהילפ־מײַסטער. פונ מויל שפּריצט פינע. אוי, ווי עס מוטשעט זיך דערנאָך דער שולדיקער! און ס׳איז נאָך גוט, ווענ מע לאָזט אים לײַדן, ווענ מע טרײַבט אים ניט אוועק פונ דער אר־בעט. ווײַל זיי זײַנען דאָך פולע באלעבאטים. זייער מאכט איבער די ארבעטער איז אומבאגרענעצט. ווענ זיי יאָגן אוועק איינ ארבעטער, געפינען זיי באלד פיר, וואָס בעטן זיך נאָך אפ דעם אָרט פונ דעם אוועקגעיאָגטן. הײַנטיקער זומער איז פאר די געהילפן א שניט־צײַט! קלײַב נאָר אויס און רײַס אראָפּ פונ דעם געהאלט, וויפל דו ווילסט. די ארבעטער וועלן גאָרניט ניט זאָגן — און אויב איינער וועט וועלן זיך קלאָגן דעם בוי־מײַסטער, איז ארויסגעשמיסן, לאָז ער אומקומען פונ הונגער, אויב ער האָט ניט געוואָלט זײַנ אונטערטעניק.

איינמאָל, ווענ איך בינ, ווי געוויינלעך, געזעסן לעבן פענצטער און געקוקט אפ דער ארבעט, האָט זיך מיטאמאָל אָנגעהויבן א געשריי סאמע אפ דער פאָרנטיקער וואנט. די סיבע פונ געשריי האָב איך ניט געזען. איך האָב נאָר געהערט, ווי דער געהילפ האָט זיך א וואָרפ געטאָן

ווי עס ציטערט זײַן שטים, וועלכע ער האלט קאם אײַן), — פאנ גע־הילפ, כ'בעט אײַך איבער, וואָס האָב איך אײַך געטאָן? פארוואָס נעמט איר בא מיר צו דאָס שטיקל ברויט? איר ווייסט דאָך, אז כ'וועל איצט קיין ארבעט ניט געפינען אינדערהיים...

— מארש פונדאנען, קרימינאלסקע מאָרדע! — האָט א ברום געטאָן דער געהילפ, וועלכן ס'איז איצט ניט געפעלן די אונטערטעניקייט פון מוליער, פונקט ווי נעכטן איז אים ניט געפעלן געוואָרן זײַן אײַנגעשפארט שווײַגן.

דער מוליער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט גענומען דעם זאק מיט געצײַג אונטער דער האנט און איז אוועק.

א גאנצע וואָך נאָכדעם האָב איך יעדן אינדערפרי געזען די זעלבע סצענע אין גאס. דער ארויסגעטריבענער מוליער האָט, ווײַזט אויס, אינערגעצ ניט געקאָנט געפינען קיין ארבעט, און יעדער אינדערפרי איז ער געקומען צום געהילף און האָט אים געבעטן, ער זאָל אים צונעמען אפ דער ארבעט. אָבער דער געהילפ איז געווען הארט, ווי א שטיין, קיינע ביטעס און באקאָשעס האָבן אים ניט גערירט, און וואָס מער דער מוליער האָט זיך געבויגן פאר אים, וואָס טיפער עס זײַנען בא אים אײַנגעפאלן זײַנע טונקל־געוואָרענע אויגן, אלץ שטאָלצער האָט זיך דער געהילף געהאלטן, און מיט ביטערע גײַוועדיקע ווערטער האָט ער געזידלט דעם אָרעמען ארבעטער. און דער, נעבעך, דער ארבעטער, האָט נאָך יעדער אָפּזאָג צונויפגעקלעמט די ציין, גענומען שווײַגנדיק דעם זאק אונטער דער האנט און אנטלאָפן, ניט אומקוקנדיק זיך, ווי ער וואָלט מוירע געהאט פאר דעם ניסאָיען, פאר דעם רייצ, וואָס האָט געטריבן צו א בייזן טאט.

עס איז געווען שאבעס אפדערנאכט. אנ אומדערוואַרטעטער רעגן האָט מיך פארכאפט אינמיטן גאס, און איך האָב זיך געמוזט באהאלטן אינ א נאָענטן שענקל. אינ שענקל איז קיינער ניט געווען. דער אומ־ריינער פײַכטער צימער איז געווען שוואך באלויכטן מיט איין לאָמפּ, וואָס האָט זיך אומעטיק געהוידעט אפ דער סטעליע. בא דעם שענק־טישל האָט געדרעמלט אנ אלטע און גראָבע שענקערן. כ'האָב באקוקט דאָס שענקל און... אָ, א כידעש, א וואונדער! אינ א ווינקל, בא איין טיש האָב איך דערזען דעם באקאנטן מוליער און נעבן אים זײַן סוינע — דעם געהילפ. נעבן יעדערן איז געשטאנען א גלאָז ביר, ביז האלב אויסגעטרונקען.

דעם האמער פון האנט, און ארויסגעוואָרפן אין גאס. דער צעקאסטער מוליער האָט פארקריצט מיט די ציין און האָט זיך אויסגעגלײַכט.

— וואָס האָסטו זיך צו מיר צוגעטשעפּעט? — האָט ער א געשריי געטאָן. — וואָס ווילסטו פון מיר?

— הא, דו סטראשעסט מיך? — האָט א רעווע געטאָן דער געהילף. — גוואלד, גוואלד, א מערדער!

אף דעם געשריי איז געקומען דער צווייטער געהילף, און ביידע, מיט פארייניקטע קוחעס, האָבן זיי זיך א וואָרף געטאָן אפן מוליער. יענער האָט זיך ניט פארטיידיקט. עס האָבן זיך א שאָט געטאָן פויסטן אף זײַנע פּלייצע. באגלייט מיט קלעפּ, שטום פון כאס און פארצווייפלונג, איז ער אראָפּ פון דער רעשטאָוואניע און גענומען אפן אקסל דעם זאק מיט געצײַג.

די איבעריקע ארבעטער, וואָס האָבן געזען די גאנצע זאך, האָבן שווײַגנדיק געארבעט, אָנגעבויגן איבער די ציגל און פארביסן די ציין. קיינער האָט אפילע קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

— זע נאָר, באווײַז זיך דאָ ניט, דו באנדיט איינער. קלאָץ דו מיִעסע! — האָט דער געהילף א געשריי געטאָן און באוויזן דעם אוועק־גייענדיקן מוליער א פויסט.

דעם צווייטן טאָג בין איך פרי אופגעשטאנען און האָב א קוק געטאָן דורכן פענצטער. אין גאס איז נאָך שטיל געווען. די ארבעטער זײַנען זיך צונויפגעגאנגען אף דער „פאבריק“. איך האָב זיך זייער פארוווּנדערט, ווען כ'האָב דערזען דעם מוליער, וואָס מע האָט אים נעכטן אוועקגעטריבן. מיט נײַגיר האָבן איך אָנגעהויבן קוקן, וואָס וועט ווײַטער זײַן, ווען עס וועט קומען דער געהילף. די איבעריקע ארבעטער האָבן צווישן זיך ווייניק גערעדט, און צום ארויסגעטריבענעם איז ביכלאל קיינער ניט צוגעגאנגען. און אָט איז דער געהילף געקומען. אָנגעבלאָזן זיך, ווי א בלאָזאק. ער האָט גיך באקוקט די ארבעטער, זײַן בייזער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אפן מוליער, וואָס ער האָט אים נעכטן דורכגעטריבן.

— און דו, באנדיט, ביסט נאָכאמאָל דאָ? וואָס טוסטו דאָ? ווער דארף דיך האָבן?

— פאַן געהילף, — רופט זיך אָפּ דער ארבעטער, צוגייענדיק אף צוויי שפאַן (צווישן דער אלגעמיינער שטילקײַט איז געווען צו הערן,

— און דו, מײַן ליבער קום, גיב נאָר גוט א טראכט, וואָס האָב איך דיר אזוינס געטאָן? וואָס כ'האָב פון קאס דיר געזאָגט א שלעכט וואָרט? און וויפל האָסטו דאָך מיר אָנגערעדט? ניין, ס'איז ניט גוט אזוי קריוודען אן אָרעמען מענטשן.

דער קום האָט אויסגעטרונקען דעם ביר, נאָכאמאָל אײַנגעבויגן דעם קאָפּ און געהוידעט מיט אים, ווי דרעמלענדיק.

— איז אָט, — האָט ניט דרייסט געזאָגט דער מוליער, — זײַ־זשע אזוי גוט, מאָנטיק... ע־ע... זעסט דאָך אליין, ווו קאָן זיך אן אָרעמער מענטש אהינטון? סײַדן אומקומען אזוי מיט ווײַב און קינדער.

— נו, וועסט הייסן געבן נאָך א גלאָז פון דעם ברויזיקן? — האָט דער געהילף איבערגעריסן זײַן שמועס.

— אוואדע, אוואדע! היי, נאָך א גלאָז ביר!

די שענקערן האָט געבראכט נאָך ביר. דער געהילף האָט אויסגעטרונקען און האָט אָפּגעווישט די וואָנצעס.

— נו, וויאזוי־זשע וועט זײַן? — האָט דער מוליער אומרויִק א פרעג געטאָן, באמיִענדיק זיך נעמען דעם געהילף פאר דער האנט, און געקוקט אים אין די אויגן.

— א, וואָס וועט זײַן? האָט יענער קאלט געענטפערט, ער איז אופגעשטאנען און זיך דערנעענטערט צום ארויסגאנג. א דאנק דיר פארן ביר, און צו דער ארבעט מאָנטיק האָסטו ניט וואָס צו קומען, כ'האָב געדונגען א צווייטן. אגעוו (די ווערטער האָט ער שוין געזאָגט בא דער טיר) אזוינע גאזלאָנים, אזוינע שיבעניקעס, ווי דו, דארף איך ניט. — און דער געהילף איז מיט איין שפרונג ארויס אין גאס און האָט פארמאכט נאָך זיך די טיר פון שענקל.

דער אומגליקלעכער מוליער איז געבליבן שטיין, ווי א דונער האָט אים דערשלאָגן.

א היפשע מינוט איז ער אזוי געשטאנען, ניט וויסנדיק וואָס צו טראכטן. פלוצעם האָט ער זיך אופגעכאפּט. עפּעס א ווילדער געדאנק האָט אים א בליץ געטאָן אין קאָפּ. מיט איין האנט האָט ער איבערגעקערט דעם טיש, בא וועלכן ער איז געזעסן, האָט אָפּגעבראָכן פון אים איין פיסל און א שלײַדער געטאָן מיט דעם אָפּגעבראָכענעם פיסל איבערן שענק־טישל. דער טראסק, דער גרילץ, דער ליארעם, דער געפילדער פון דער שענקערן, דער טומל פון אָנלויפנדיקע מענטשן, דער

— נו, גיב אונדז גאָט, קום! — האָט געזאָגט דער מוליער, א קלאַפּ געבנדיק מיט דער גלאָז אינעם גלאָז פון דעם געהילף.

— זאָל גאָט אײַך געבן! — האָט יענער געענטפערט מיט א טאָן, וואָס איז פיל ווייכער געווען, ווי פריִער אין גאַס בא דער ארבעט.

מיך האָט פארינטערעסירט אָט די ווונדערלעכע כאַווערשאַפט. איך האָב געהייסן ברענגען א גלאָז ביר און האָב זיך געזעצט בא א טיש אין צווייטן עק צימער אין א ווינקל.

— איז וואָס, קום, האָט געזאָגט דער מוליער, זיך באַמיִענדיק אויסהאַלטן א גוטברודערישן טאָן. — ניט גוט אזוי, וואָס דו האָסט זיך אזוי צו מיר גענומען. ניין, ס'איז ניט גוט!

אזוי זאָגנדיק, האָט ער א קלאַפּ געטאָן מיט דער גלאָז אין טיש, און האָט באשטעלט נאָך צוויי גלעזער ביר.

— דו ווייסט דאָך, קום, וואָס בא מיר אינדערהיים איז, וואָס פאר א נויט. מע דארף דיר גאָר ניט זאָגן. דאָס ווײַב איז קראנק, קאָן ניט פארדינען, און דאָ בין איך אדאנק דיר, א גאנצע וואָך אָן א גראָשן! איך זאָל זײַן אליין, וואָלט איך נאָך געליטן. אָבער זעסטו — א קראנק ווײַב און די נעבעכדיקע קינדער, וואָס קריכן קאַם ארום און פּישטשען פון הונגער. דאָס הארץ צערײַסט זיך. יאָ, יאָ, קום, עס צערײַסט זיך. איך בין דאָך זיי עפּעס א פאָטער!

דער געהילף האָט אויסגעהערט אָט דעם שמועס, האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און צוגעשאָקלט ווי דרעמלענדיק. און ווען די שענקערן האָט געבראַכט ביר, האָט ער דער ערשטער גענומען זײַן גלאָז, א קלאַפּ געטאָן אין דעם מוליערס גלאָז און געזאָגט:

— פאר דײַן פרויס געזונט!

— זאָל גאָט געבן, דו זאָלסט אויך ניט קרענקען! — האָט געזאָגט דער מוליער און האָט אָפּגעטרונקען א ביסל פון גלאָז. מע האָט אף זײַן פּאָנעם געזען, ווי אומגערן האָבן זיך זײַנע ליפּן צוגערירט צום געטראנק. אָך, עפּשער איז אף דעם געטראנק אוועק דער לעצטער גראָשן פון דעם גולדען, וואָס ער האָט אנטליִען, אף וועלכן זײַן מישפּאָכע האָט באדארפט דורכלעבן ביז א בעסערער צײַט, ווײַל גאָט ווייסט, צי ער וואָלט געקאָנט אנטלײַען א צווייטן, און איצט האָט ער פארן לעצטן גראָשן גענומען מעכאַבעד זײַן זײַן סוינע, קעדיי כאָטש, אזויארום, אים פארגיטיקן.

# אינהאלט


| | |
|---|---|
| | זייט |
| שטיינברעכער | 3 |
| אין טאָל א דערפל ליגט | 6 |
| אייביקער רעוואָליוציאָנער | 7 |
| א בוטער פארדינסט | 9 |
| דער מוליער | 17 |

געשריי פון פּאָליציאַנט — אַלץ האָט זיך אין איין רעגע צונויפגעגאָסן אין איין ווילדער פּאַרטויבנדיקער האַרמאָניע. אין א מינוט אַרום איז דער אומגליקלעכער מוליער געווען אינמיטן פון א רעוועדיקן און פּישטשענדיקן האַמוין, וואָס האָט מיט גרויס טומל איבערגעגעבן דעם „דולן און מעשוגענעם גאַזלען" אין די הענט פון פּאָליציאַנט. דער שטרענגער היטער פון געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסלען און א שטויס געטאָן פאָרויס.

Об

ЦІНА 40 КОП.

IV
В-529
1939
224

ЄВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ

І. Франко

ВІРШІ ТА ОПОВІДАННЯ

УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ

31.635
Ф IV / В-529